ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# לקוטי שיחות

•

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

שניאורסאהן

מליובאוויטש

❖

## נצבים - וילך

יוצא לאור על ידי מערכת

״אוצר החסידים״

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ושמנים לבריאה

שבעים שנה לנשיאות כ״ק אדמו״ר מה״מ

# נצבים - וילך

א. בנוגע דעם שבת פאַר ראש השנה איז ידוע[1] דער וואָרט פון אַלטן רבי'ן וואָס ער האָט געהערט פון מגיד אין נאָמען פון דעם בעש"ט, אַז דעם „חודש השביעי" איז „הקב"ה בעצמו מברכו[2] בשבת מברכים שהוא השבת האחרון דחודש אלול, ובכח[3] זה ישראל מברכים את החדשים י"א פעמים בשנה".

אין וואָס באַשטייט ברכתו של הקב"ה אין דעם „שבת מברכים" פון חודש תשרי? איז דער בעש"ט ממשיך:

„כתיב אתם נצבים היום דהיום קאי על ר"ה[4] שהוא יום הדין וכמ"ש[5] ויהי היום גו' ותרגם והוה יום דינא רבא[6]. ואתם נצבים קיימים ועומדים[7] והיינו שזוכים בדין, ובשבת שלפני ר"ה שהוא השבת האחרון דחדש אלול קורין אז פרשת אתם נצבים[8] דזהו ברכתו של הקב"ה כו'".

פון דעם דיוק הלשון „קורין אז פרשת אתם נצבים דזהו ברכתו של הקב"ה" — און ניט „קורין אז אתם נצבים (היום)" (ווי ער זאָגט פריער אין דער תורה, וואו ער איז מבאר אַז דאָס מיינט „קיימים ועומדים והיינו שזוכים בדין") — איז פאַרשטאַנדיק, אַז „ברכתו של הקב"ה" איז ניט נאָר די (דריי) ווערטער „אתם נצבים (היום)", נאָר כללות „פרשת אתם נצבים", די גאַנצע סדרה.

וע"פ המבואר במקום אחר[9], אַז די צוויי סדרות אתם נצבים און וילך זיינען בעצם איין סדרה, נאָר לפעמים איז מען מחלק די איין סדרה לשתים (כדיוק לשון הרס"ג[10]: „ומהן (פון די נ"ג פרשיות) פרשה המתחלקת לשתים ונקראת בשתי שבתות אם יש צורך בכך והיא אתם נצבים הנחלקת בוילך משה").

[ניט ווי אַנדערע סדרות המצטרפות, וואָס בעצם זיינען זיי באַזונדערע סדרות, נאָר „מצטרפות לפעמים שתים שתים"[11]],

דאַרף אויסקומען, אַז אויך „וילך משה" גייט אַריין אין ברכתו של הקב"ה,

---

1) קובץ מכתבים לתהלים אהל יו"י ע' 193. היום יום כה אלול. אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"ץ ח"ג ס"ע תל ואילך.

וראה בביאור תורה זו — לקו"ש ח"ד ע' 1139 ואילך. ח"ט ע' 184 ואילך.

2) עוד ביאור ע"פ נגלה שאין ישראל מברכים החודש הזה — ראה לקו"ש חכ"ד ע' 222 ואילך.

3) ראה לקו"ש ח"ט ע' 187 — הרמז לזה בנגלה.

4) ראה פענח רזא ס"פ נצבים. לקו"ת ר"פ נצבים.

5) איוב ב, א.

6) וראה אוה"ת נ"ך עה"פ (ע' תרנא), מזח"ב לב, ב (ועוד).

7) ראה תנחומא ר"פ נצבים (עומדין . . ואנו קיימין — אבל אינו מפורש על הל' „נצבים". וראה שם, ד: נצבים . . קיומו של עוה"ז ושל עוה"ב). ובפרש"י (נצבים כט, יב) מפרש מ„מ"א": נצבים . . קיימין.

8) רמב"ם הל' תפלה פי"ג ה"ב. תוס' מגילה לא, סע"ב. טושו"ע או"ח סתכ"ח ס"ד. לקו"ת שם.

שם הפרשה „אתם נצבים" (ככתורה הנ"ל) הוא גם ברמב"ם שם. סידור הרס"ג (דלקמן בפנים). תוס' מגילה שם ד"ה ראש. ועוד. ובטושו"ע מתחיל „אתם נצבים", אבל בהמשך הלשון שם נצבים (וילך) סתם. וכ"ה בתוס' מגילה שם בסוף העמוד: למה מחלקים פרשת נצבים וילך. ועד"ז השינויים בכמה מפרשי התורה. ואכ"מ.

9) ראה לקו"ש חי"ט ע' 298. וש"נ.

10) בסדורו „קריאת התורה".

11) ל' הרס"ג שם. ועיי"ש בלקו"ש בפרטיות — עוד הוכחות לזה שנצבים-וילך הוי פרשה אחת.

ווארום אויך דאס איז א טייל פון „פרשת אתם נצבים״.

אבער לאידך גיסא: דערפון גופא וואס עס זיינען פאראן יארן ווען מ׳צע־טיילט די סדרה לשתים[12], און „וילך משה״ ווערט געלייענט ערשט נאך ראש השנה — און זיכער אז אויך אין יענע יארן פעלט ניט ח״ו בברכתו של הקב״ה אין „שבת מברכים״ פון חודש תשרי — איז מוכרח צו זאגן, אז דער עיקר ברכתו של הקב״ה איז „פרשת אתם נצבים״ עצמה, ד. ה. דער טייל פון דער פרשה ביז „וילך משה״, וואס במנהג ישראל ווערט דוקא דאס אנגערופן פרשת (אתם) נצבים, און ווי געדרוקט אין חומשים; און דאס וואס אויך „וילך משה״ איז א טייל פון ברכתו של הקב״ה, איז אזא ענין של ברכה, וואס אמאל קען עס ארויסקומען בפועל — בגילוי ערשט לאחרי ראש השנה.

ב. וי״ל הביאור בזה:

אין דער תורה הנ״ל איז ער מסיים (כנ״ל): „ובכח זה (פון ברכת הקב״ה) ישראל מברכים את החדשים י״א פעמים בשנה״. ויש לומר, אז אין דעם איז מרומז דער ענין הברכה וואס איז פאר־בונדן מיט פרשת וילך:

דער עצם ענין פון „הקב״ה בעצמו מברכו״, איז פארבונדן (בעיקר) מיט פרשת אתם נצבים וועלכע ווערט גע־לייענט בכל שנה ושנה אין דעם שבת האחרון פון חודש אלול; און דאס וואס ברכת הקב״ה גיט אריין א כח אז אידן זאלן קענען דערנאך מברך זיין די חדשים י״א פעמים בשנה — דאס איז פארבונדן בעיקר מיט וילך (משה).

און דערפאר לייענט מען לפעמים וילך משה נאך ראש השנה[13] — אע״פ אז אויך וילך משה איז פארבונדן מיט דער ברכה פון „שבת מברכים״ חודש תשרי כנ״ל — ווייל דער ענין אין דער ברכה (אז „בכח זה ישראל מברכים את החדשים י״א פעמים בשנה״) איז ניט אזויפיל נוגע אין דעם שבת שלפני ר״ה, היות דער „כח זה״ קומט ארויס בגלוי ערשט אין די ש״מ שלאח״ז, און דערי־בער קען עס געלייענט ווערן אמאל — אויך נאך ראש השנה.

ג. יעדער ענין דריקט זיך אויס בשמו אשר יקראו לו בלשון הקודש. עד״ז איז מובן בפשטות בנוגע שם הסדרות „נצבים״ און „וילך״, אז זייער תוכן גיט זיך ארויס אין זייערע בא־טרעפנדע נעמען. די ווערטער „נצבים״ און „וילך״ ענטהאלטן צוויי פאר־שידענע — און נאכמער: היפכ׳דיקע — מושגים.

דער טייטש פון נצבים איז (ווי דער־מאנט אין דער תורה הנ״ל) „קיימים ועומדים״. ניט אן עמידה סתם, נאר אן עמידה חזקה בתוקף. ווי עס ווערט נת־באר[14] אז נצבים איז מלשון „נצב מלך״[15], וואס ווייזט[16] אויף אן עמידה בתוקף הכי גדול, בדוגמא ווי „נצב״ פון א מלך:

12) כידוע הסימן (בעה״ט עה״פ וילך. טושו״ע שם) „פתבג המלך״ (ל׳ הכתוב — דניאל א, יג. שם, טו) — כאשר „ב״ג המלך (אז) פת וילך״, דכאשר ר״ה הוא ביום ב׳ או ג׳ בשבת, אז „פת וילך״ מלשון פתות אותה פיתים שמחלקים נצבים וילך לשתים (ל׳ המג״א שם. וכ״ה בכ״מ — ראה לקו״ש שם).

13) היינו קריאת כל הפרשה כולה בשבת. אבל גם אז (כשנצבים וילך נפרדות), קוראין פ׳ וילך במנחה דש״ק נצבים. וכן הלימוד דפ׳ וילך (בשיעורי חת״ת) — הוא לפחות יום א׳ לפני ר״ה (או — ב׳ ימים).

14) אוה״ת נצבים ס״ע א׳רא.

15) לשון הכתוב — מ״א כב, מח.

16) אוה״ת שם ס״ע א׳רב ואילך.

משא״כ „וילך״ איז תוכנו — הליכה, היפך פון עמידה בכלל, ועאכו״כ היפך פון נצבים — עמידה בתוקף.

און אעפ״כ זאָגט מען, אַז נצבים און וילך, איז ניט נאָר וואָס מ׳איז זיי מחבר יחד (ווי אַנדערע סדרות המצטרפות), נאָר נאָכמער: זיי זיינען בעצם איין סדרה.

ד. ונקודת הביאור בזה: כללות עבודת ה׳ איז מיוסד אויף דעם אַז עס מוזן זיין ביידע קוים (תנועות) הנ״ל[17] — „נצבים״, אַן עמידה בתוקף, בלתי שינוי; און „וילך״ — הליכה מחיל אל חיל, ביז אין אַן אופן פון „אין[18] להם מנוחה״[19], שינוי תמידי[20].

און דאָס איז אין אַלע דריי עמודים[21] (קוים), פון תורה, עבודה (תפלה), און גמילות חסדים (מצות)[22]:

ה. בתורה:

תורה איז בכללות פאַנאַנדער־געטיילט אין צוויי[23] — תורה שבכתב און תורה שבעל פה. וואָס אע״פ אַז ביידע „ניתנו לו למשה בסיני״, ובלשון הרמב״ם בתחלת הקדמתו לס׳ היד: כל המצות שניתנו לו למשה בסיני בפירושן ניתנו . . תורה זו תורה שבכתב והמצוה זו פירושה . . הנקראת תורה שבעל פה״ — איז אָבער אַ חילוק אין זייער אופן הנתינה:

תורה שבכתב איז ניתנה באופן מדוד ומוגבל, אין אותיות און תיבות, אין וועלכע עס קען ניט זיין קיין שינוי[24]:

משא״כ תושבע״פ — „פירושה״, איז געקומען ע״י החכמים, וועלכע האָבן איר מפרש געווען דורך די יג (לב וכו׳) מדות שהתורה נדרשת בהן (וכיו״ב)[25],

17) ראה גם מכתב ו׳ תשרי תשד״מ (נדפס בלקו״ש חכ״ד ע׳ 632).

18) ל׳ חז״ל — סוף ברכות ומו״ק. וראה הערות הבאות.

19) ויש לומר, שזהו הטעם לחילוק דב׳ המסכתות — מו״ק ותמיד: בסיום דמס׳ מו״ק — ת״ח אין להם מנוחה כו׳ שנאמר ילכו מחיל אל חיל: ומס׳ תמיד סיומה — מזמור שיר ליום השבת כו׳ ליום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים

— כיי תמיד — העבודה התמידית, והרי במס׳ זו מדובר ע״ד „סדר התמיד לעבודת בית אלקינו״ (תמיד פ״ז מ״ג בסופה. ובפשטות קאי על כל המס׳ שלפנ״ז), ולכן סיומה הוא בענין שבת ומנוחה, העדר השינוי (ראה לקמן סעיף ז):

ואילו מס׳ מועד קטן, תוכנה (כשמה) ע״ד הזמן שנשתנה מהרגיל, וזמן — בכלל, תנועה ושינוי — עבר הוה ועתיד [ובזמן גופא בפרט ע״ד זמן בלתי רצוי, שהכוונה לשנותו להפכו לטוב, כסיום המס׳ במשניות דמו״ק], ולכן סיומה בענין של עלי׳ ושינוי — ת״ח אין להם מנוחה . . ילכו מחיל אל חיל.

20) ראה הערה הקודמת בנוגע להחילוק דסיום מס׳ מו״ק ותמיד. ומה שבמס׳ ברכות מסיים בב׳ הענינים — אין להם מנוחה, ושלום (מנוחה) — נת׳ בשיחת ו׳ תשרי תשד״מ (ס׳ השיחות תשנ״ב ח״ב ע׳ 502 ואילך).

21) אבות פ״א מ״ב.

22) ומכיון שביהמ״ק הוא המקום העיקרי דעבודת ישראל מובן שגם בו ב׳ נקודות אלו. וכמודגש בשיעור היומי דש״ק זו (תשד״מ) ברמב״ם (הל׳ ביהב״ח רפ״א) „מ״ע לעשות בית לה׳ מוכן להיות מקריבים בו הקרבנות (עבודה תמידית) וחוגגין אליו שלש פעמים בשנה״ — עבודה בשינויים (ראה לעיל הערה 19).

וי״ל שזהו גם החילוק דכלי המקדש: הארון הי׳ באופן תמידי במקדש (ראה רמב״ם הל׳ ביהב״ח רפ״ד — נתבאר בארוכה בלקו״ש חכ״א ע׳ 158 ואילך) — נצחי והעדר השינוי שבמקדש (וראה לקו״ש חט״ז ע׳ 471 ואילך): שאר הכלים — שינויים.

23) ראה יומא כח, ב: א׳ תושב״כ וא׳ תושבע״פ.

24) ראה המשך הלשון ברמב״ם שם.

25) ראה רמב״ם בהקדמה שם. וראה בריש הל׳ ממרים. קרית ספר להמבי״ט בהקדמה פ״א ופ״ב.

*) ואולי י״ל, שזהו ג״כ טעם החילוק, דסיום מס׳ מו״ק — שינוי — הוא בגמרא, וסיום תמיד — מנוחה — במשנה. כי החילוק בין משנה וגמרא הוא ע״ד החילוק בין תושב״כ ותושבע״פ (דלקמן ס״ה): משנה היא (בעיקר) הלכות פסוקות — בלתי משתנה, ולכן סיומה (במס׳ תמיד) בענין המנוחה: גמרא היא שקו״ט בהלימודים והסברות (ובפרט בבבלי) — סיומה (במו״ק) הוא בענין דהליכה כו׳.

פון אַ וואָרט אָדער אַפילו אַן אות בתורה קומט אַן אריכות אין תושבע״פ[26], און פון די אריכות פון די תנאים — קומט נאָך אַ גרעסערע אריכות פון די אמו־ראים א. ז. וו. — ביז דער לאפשה לה פון אַ תלמיד ותיק, וואָס דאָס אַלעס ווערט אַ חלק פון תושבע״פ, וכמחז״ל[27] כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש הכל ניתן למשה בסיני.

און דערמיט איז אויך פאַרבונדן דער חילוק אין אופן למודן: בתורה שבכתב מאַכט מען ברכת התורה בקריאתה, ווען אפילו לא ידע מאי קאמר[28]; בלימוד תורה שבע״פ אָבער איז אויב לא ידע מאי קאמר קען מען קיין ברכת התורה ניט מאַכן[29]. לימודה[30] איז פאַרבונדן מיט הבנת האדם, וועלכע איז פאַרשידן ביי בית שמאי אָדער בית הלל, כאָטש ביידע קיבלו פון די זעלבע שמעי׳ ואבטליון, וועלכע קיבלו דור מדור ביז צו משה רבנו וועלכער קיבל תורה פון דעם אויבערשטן — און מיט דער צייט איז דאָך צוגעקומען באַ יעדערן פון זיי בחכמה בינה ודעת התורה.

ועד״ז זיינען דאָ די צוויי תנועות אין תורה שבע״פ גופא: עס דאַרף זיין „לאפשה לה בכל יומא״[31], מחדש זיין אין תורה, אָבער עס מוז זיין פאַרבונדן און מיוסד נאָר אויף די כללים ויסודות פון תורה און אין פולסטער איינשטימונג מיט הלכה — וואָס אין זיי (די יסודות כללים והלכות) איז ניט שייך קיין שינוי, התורה זו לא תהי׳ מוחלפת[32].

און כמרז״ל הנ״ל „כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש הכל ניתן למשה בסיני״. ד־לכאורה איז דאָס אַ סתירה מיני׳ ובי׳: לחדש מיינט דאָך אַז דער תלמיד האָט עס מחדש[33] געווען בשכלו, איז ווי זאָגט מען אַז דאָס איז ניתן למשה בסיני?

נאָר דער ביאור בזה (ווי גערעדט פיל מאָל[34]): די סברא פרטית איז אַ חידוש פון דעם תלמיד ותיק

[וואָס כל איש מישראל איז מחוייב צו לערנען אַלס וואָס עס שטייט בתושב״כ און בתושבע״פ און ער דאַרף אויך „לחדש . . הן בהלכות הן באגדות הן בנגלה הן בנסתר״[35]];

געבויט אויף די כללים וועלכע משה האָט מקבל געווען בסיני, און דער „חידוש״ באַשטייט — אין דעם וואָס ער איז מגלה די סברא והלכה פרטית מן הכלל[36] — כהלכה

אויב ניט, ר״ל, איז עס כפשוט היפך התורה, און כדבר המשנה[37] „המגלה פנים בתורה שלא כהלכה, אף על פי שיש בידו תורה ומעשים טובים, אין לו חלק לעולם הבא״.

---

26) לקו״ת ברכה צה, ד.

27) ראה מגילה יט, ב. ירושלמי פאה פ״ב ה״ד. שמו״ר רפמ״ז. ויק״ר רפכ״ב. ובכ״מ. וראה הערה 33.

28) הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״ב סי״ב. לקו״ת ויקרא ה, ב — מפרדס שכ״ז פ״א.

29) שו״ע אדה״ז או״ח ס״נ ס״ב (ממג״א שם סק״ב). וראה הל׳ ת״ת שלו ספ״ב.

30) ראה לקו״ת שם.

31) זח״א יב, ב.

32) ראה לקמן ריש ס״ז. וש״נ. וראה בארוכה לקו״ש חכ״ג ע׳ 33 (ואילך).

33) במקומות שבהערה 27 לא נאמר הלשון „לחדש״ כ״א „להורות״, „לומר״ וכיו״ב. אבל כן הוא בכ״מ — ראה הנסמן בלקו״ש חי״ט ע׳ 252 הערה 21. וראה שם ע׳ הנ״ל ואילך.

34) ראה לקו״ש שם.

35) אגה״ק סכ״ו (קמה, א). וראה הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״ב ס״ב.

36) ו(לפעמים) חידוש גדול הוא זה ועד ש„תשש כחו״ של בעל הכלל (מנחות כט, ב).

37) אבות פ״ג מי״א.

ו. בתפלה:

כללות התפלה איז אַ ציווי לכל נפש[38], און בכל יום ויום: לאידך איז תפלה — עבודה שבלב[39]. וואָס לב כאו"א איז בשווה עד הוא להקב"ה[40], נאָכדעם קומען פרטי הרגש שבלב וואָס אין דעו־תיהן שוות[41] און דערפאַר איז פרטי הכוונה ועבודת הלב זיינען פאַרשידן[42] אויך פאַרשידן בעבודתם מיום ליום.

[ועד"ז אין דער תפלה שבכל יום גופא: אַ איד איז הולך ועולה במשך היום ובפרט אין זיין עבודה בהתפלה מדרגא לדרגא בכוונת הלב ובדביקותו בה', ביז ער קומט צו דער עבודה פון שמו"ע ווען ער שטייט „כעבדא קמי' מרי'"[43]].

די צוויי ענינים זיינען אויך דאָ אין נוסח התפלה גופא: די ג' ראשונות וג' אחרונות זיינען בשווה[44] בכל התפלות ובכל ימות השנה; משא"כ די ברכות אמצעיות מוז אין זיי זיין שינויים: ימות החול — י"ב אמצעיות דבקשת צרכיו (ובהם גופא שינוי מזמן לזמן), שבת, ר"ח, יו"ט, ר"ה, יוהכ"פ וכו'.

אָבער די שינויי נוסח גופא קומען בהמשך און זיינען אַלע פאַרבונדן מיט די זעלבע ג' ראשונות וג' אחרונות וואָס זיינען גלייך בכל תפלה ותפלה.

ז. במצות:

מנין המצות וקיומן איז באופן פון לא תוסיף עליו ולא תגרע ממנו[45] — „דבר[46] ברור ומפורש בתורה שהיא מצוה עומדת לעולם ולעולמי עולמים אין לה לא שינוי ולא גרעון ולא תוספת": דער־נאָך קומט די זאַך פון הידור מצוה, וואָס דער מענטש דאַרף מהדר זיין און מעלה זיין בקודש[47] בקיום המצות[48]: ניט נאָר כדבעי למעבד[49] נאָר מהדרין, מהדרין מן המהדרין[50]; ע"פ דין — לפנים משורת הדין, וכיו"ב.

ח. דער טעם וואָס די עבודה פון אידן איז אויסגעשטעלט אין די צוויי קוין: וויבאַלד תורה און מצות זיינען גע־געבן געוואָרן פון דעם אויבערשטן צו אידן, זיינען דאָ אין דעם ביידע ענינים כביכול: דאָס איז תורתו ומצותיו של הקב"ה; און ס'איז די עבודה פון אידן, מקבלי התורה והמצות[51].

---

38) ראה רמב"ם ריש הל' תפלה. שם ה"ד.

39) נאמר (עקב יא, יג) ולעבדו בכל לבבכם אמרו חכמים (תענית ב, א) אי זו היא עבודה שבלב זו תפלה (רמב"ם ריש הל' תפלה).

40) ראה שהש"ר עה"פ (שה"ש ה, ב) אני ישנה ולבי ער.

41) ברכות נח, א.

42) להעיר מתניא פכ"ט (לו, ב) „והלב יש בו בחי' ומדריגות רבות". וראה קונטרס העבודה פ"ד ואילך ובהמכתב שבסוף הקונטרס שם (נדפס גם באגרות קודש אדמו"ר מהוריי"ץ ח"ב ע' שי ואילך) — כמה מדריגות באהבת ה' שבתפלה.

43) שבת י, רע"א. שו"ע אדה"ז סו"ס צה.

44) אלא שיש בהן הוספות בעשי"ת.

45) ראה יג, א. וראה גם ואתחנן ד, ב.

46) ל' הרמב"ם הל' יסוה"ת רפ"ט (ומביא הכתוב דפ' ראה). וראה גם רמב"ם הל' מעה"ק ספ"ב. הל' מלכים פי"א סה"ג. פיהמ"ש סנהדרין הקדמה לפ' חלק היסוד התשיעי.

47) ברכות כח, א. וש"נ.

48) וי"ל שזהו גם ב' הפרטים במצות תק"ש שכתב הרמב"ם (הל' תשובה פ"ג ה"ד) „אע"פ שתק"ש בר"ה גזירת הכתוב רמז יש בו כו' עורו ישנים משנתכם וכו'": גזה"כ מדגיש שזוהי גזירה מלמעלה, בחי' „נצבים" ובלתי משתנה שבשופר; וענין התשובה המרומז בשופר (שפרו מעשיכם) הוא עבודת ישראל, בחי' שינוי „וילך".

49) להעיר מכתובות סז, רע"א.

50) שבת כא, ב.

51) וראה בארוכה הדרן (הא') על מס' פסחים (נדפס בהגש"פ עם לקוטים טעמים כו' וביאורים — קה"ת, תשמ"ו ושלאח"ז — ע' תסד ואילך), הדרן על אבות (נדפס בס' ביאורים לפרקי אבות (קה"ת) בסופו. לקו"ש חי"ז ע' 395 ואילך) — שלכן יש

און דאָס דריקט זיך אויס אין די צוויי קוין הנ"ל: אין דעם בלתי שינוי פון תורה ומצות איז מודגש דער נותן התורה ומצווה המצות — דער אויבער־שטער, וואָס איז בלתי משתנה, אני ה' לא שניתי[52]; און מצד דעם וואָס דער ענין פון תורה ומצות איז די עבודה פון אידן (בלימוד התורה וקיום המצות) — וואָס דער גדר פון אַ נברא איז וואָס ער איז אַ בעל שינויים און דאַרף זיין אַ מהלך, ניט ווי העומדים האלה[53], וואַקסן — איז די עבודה פון תומ"צ אויסגע־שטעלט באופן אַז עס איז דאָ די הליכה מחיל אל חיל בעבודת ה', דער שינוי (ועלי') תמידי.

און דאָס איז אויך דער טעם וואָס אתם נצבים און וילך זיינען ניט נאָר צוויי סדרות וואָס ווערן לפעמים נצטרף, נאָר זיי זיינען בעצם איין סדרה — ווייל דער כללות הענין פון עבודת ה' "מאָנט" ביידע זאַכן: "נצבים" — דער בלתי שינוי, מצד דעם נותן התורה ומצווה המצות (און דערפאַר שטייט "נצבים" לשון נפעל[54] — ווייל דער אמת'ר תוקף ובלי שינוי קומט מל־מעלה); און "וילך" — די הליכת האדם מחיל אל חיל.

און דערפאַר איז דאָס איין סדרה, ווייל אין יעדער עבודה פון "וילך" — תנועה פון שינוי, מוז דער יסוד זיין דער חלק פון תומ"צ פון "נצבים", ווי עס קומט פון (נצבים —) "אני ה' לא שניתי".

ט. וי"ל אַז דאָס איז אויך דער ביאור אין תורת הבעש"ט הנ"ל בנוגע לברכתו של הקב"ה אין דעם שבת האחרון דחודש אלול — אַז די ברכה איז וואָס "קורין אז פרשת אתם נצבים" — און ווי גערעדט פריער (סעיף ב) אַז אין דעם זיינען פאַראַן צוויי ענינים: די עצם ברכה איז פאַרבונדן מיט "אתם נצבים"; און דאָס וואָס "בכח זה ישראל מברכים את החדשים י"א פעמים בשנה" איז פאַרבונדן מיט (דעם צווייטן טייל פון "פרשת אתם נצבים" —) "וילך משה":

די עצם ברכה איז "ברכתו של הקב"ה" — ס'איז אַ ברכה וואָס דער אויבערשטער אַליין בענטשט דעם חודש. דערפאַר וואָס דאָס איז אַ ברכה וואָס איז העכער פון גדר הנבראים. און דערפאַר איז די ברכה פאַרבונדן מיט דעם מצב אַז "אתם (זיינען) נצבים" — דער בלתי שינוי וועלכער איז פאַר־בונדן מיט "לפני ה' אלקיכם", "אני ה' לא שניתי"[55].

און דערנאָך ווערט די ברכה נמשך אין אַן אופן וואָס "בכח זה ישראל מברכים את החדשים" — וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט עבודת ישראל. און דער־פאַר איז דער ענין שייך צו "וילך", די עבודה פון אידן, הליכה מחיל אל חיל; אָבער אויך דאָס איז אַ המשך (אַ טייל) פון ברכתו של הקב"ה[56] — וכנ"ל, אַז

---

בתורה ומצות גדרים מצד הנותן וגדרים מצד המקבלים, ראה שם כמה דוגמאות.

52) מלאכי ג, ו.

53) זכרי' ג, ז ובמפרשים שם. שמו"ר פכ"ה, ב. זח"ב קעו, א. זח"ג רס, א. תו"א ס"פ וישב. אוה"ת שם (כרך־ה תתקיג, א ואילך). ועוד.

54) ראה אוה"ת נצבים ע' א'קפט ואילך.

55) ע"פ הנ"ל מובן הטעם שאין ישראל מברכין גם חודש תשרי, דלכאורה אף שהקב"ה בעצמו מברכו, גם ישראל יברכו אותו או יאמרו הברכה (ע"ד ברכת כהנים)? אלא לפי שהברכה אז היא מבחי' "נצבים" שלמעלה משינויים, למעלה מעבודת האדם לגמרי, ובבחי' זו אין מקום לעבודת האדם. וראה לקו"ש חי"ח ע' 354 ובהערה 25 שם.

56) עפ"ז אולי יש לבאר הלשון בהתורה "ובכח זה ישראל מברכים את החדשים (ורק אח"כ מוסיף) י"א פעמים בשנה". דלכאורה הול"ל בקיצור "ובכח זה ישראל מברכים י"א חדשי השנה"? אלא דהכח דישראל כפי שהוא בשבת מברכים — ה"ז עדיין

„וילך" איז ניט אַ באַזונדער סדרה, נאָר אַ טייל פון „פרשת אתם נצבים", ווייל דער „וילך" פון אידן, איז מיוסד און פאַרבונדן מיטן „אתם נצבים", מיט דער נתינה מלמעלה.

אָבער, ווייבאַלד אַז בפועל ובגלוי איז דאָס וואָס „ישראל מברכים את החדשים" ברכת ועבודת האדם, דערייבער[57] איז ניט מוכרח אַז דאָס זאָל אַלעמאָל זיין בגלוי אין דעם שבת פאַר ראש השנה, ובמילא לייענט מען ניט אַלעמאָל פרשת וילך לפני ר"ה, אַמאָל ווערט עס געלייענט בשבת שלאחרי (אָבער בסמיכות צו) ראש השנה.

יוד. דאָס וואָס מען לייענט פרשת אתם נצבים אין דעם שבת האחרון פון חודש אלול, איז ניט נאָר אַלס הכנה צו שנה הבאה בכלל (מצד דעם וואָס אין דעם שבת ווערט נמשך ברכתו של הקב"ה), נאָר י"ל, אַז דאָס איז אויך פאַרבונדן מיט דער עבודה פון ראש השנה עצמה, וואָס דערפאַר איז „פרשה זו (נצבים) קורין לעולם קודם ר"ה"[58].

ועפ"ז — זיינען די צוויי קוין הנ"ל אין נצבים און וילך, אויך דאָ אין דער עבודה פון ראש השנה.

וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים — ווייבאַלד אַז עס זיינען דאָ די צוויי קוין אין תורה ומצות עצמן, איז מובן, אַז פריער זיינען זיי דאָ אין דעם נותן התורה ומצווה המצות, כביכול. וואָס דאָס זיינען די צוויי ענינים — תענוג און רצון:

אין תורה ומצות איז פאַראַן דאָס וואָס עס איז רצון העליון ב"ה, און דאָס וואָס עס איז דער עונג העליון ב"ה[59], נחת רוח לפני שאמרתי ונעשה רצוני[60]. און דעם חילוק צווישן זיי[61] ווייבאַלד אַז דברה תורה כלשון בנ"א — וועט מען פאַרשטיין דערפון ווי דאָס איז אין נפש האדם למטה (ובפרט אַז די כחות הנפש ווערן דאָך נשתלשל פון למעלה[62]).ביידע כוחות — סיי תענוג און סיי רצון — זיינען (ניט פון די כוחות הפנימיים של הנפש וואָס יעדערער פון זיי איז אַ כח פרטי, נאָר) פון די כוחות מקיפים, וואָס דאָס מיינט: כוחות כלליים, אין וועלכע די נפש (אינגאַנצן) גיט זיך אַרויס. דער חילוק צווישן זיי איז — אין אופן „גילוי הנפש" שבהם, אין וועלכע עס זיינען פאַראַן צוויי אופנים:

רצון — וואָס איז אויך מלשון רץ: די (גאַנצע) נפש וויל, ציט זיך, לויפט צו אַ זאַך וואָס איז חוץ ממנה, תענוג איז פאַרקערט — ס'איז אַן ענין פון מנוחה, און אמת'ר תענוג ובפרט שלימות פון תענוג איז ווען דער אדם איז זיך מתענג בעצמותו[63].

און דאָס זיינען די צוויי ענינים פון „נצבים" און „וילך", בלתי שינוי און שינוי למעלה כביכול: עונג — די מנוחה

---

בבחי' כלל, וכמו שהם כלולים בכח, בברכתו של הקב"ה, הרי נרגש לא י"א חדשי השנה, כ"א חדשים סתם (ורק שאח"כ נתפרט י"א פעמים בשנה).

57) וראה לקו"ש חי"ט ע' 299 ואילך.

58) לקו"ת ר"פ נצבים. ועד"ז הוא בשאר המקומות שנסמנו לעיל הערה 8.

59) ראה לקו"ת במדבר יח, א־ב. אוה"ת ר"ה (כרך ה) ע' ב'קי ואילך (פ"ג). ועוד. אלא ששם מדובר בהארת העונג שהוא מחולק בכל מצוה, ובפנים מדובר ע"ד שרש העונג, מקור התענוגים, שאין בו התחלקות (ראה אוה"ת שם פ"ב, פ"ד ואילך). וראה לעיל ע' 101 ואילך.

60) ספרי ופרש"י פינחס כח, ח. ועוד.

61) ראה בהבא לקמן המשך תרס"ו ע' סג ואילך. ועוד.

62) ראה תניא רפ"ג.

63) ראה גם סה"מ תרנ"ז ע' קעד. ועוד. ולהעיר מאוה"ת שם פ"ד.

באמיתתה ובשלימותה, בעצמותו — אַן ענין פון העדר השינוי; און רצון — ריצה והטיי׳ — אַן ענין של תנועה ושינוי.

יא. וויבאַלד אַז בראש השנה דאַרף מען אויפטאָן דעם „תמליכוני עליכם״[64], אַז דער אויבערשטער זאָל ווערן אונזער מלך — איז דאָס פאַרבונדן מיט דיביידע תנועות: פריער דאַרף מען אויפטאָן למעלה, כביכול, דעם עונג[65] אין ענין המלוכה, און דערנאָך — דעם רצון[66] למלוכה[67].

און דעריבער פאָדערט זיך פון אידן — וואָס דאַרפן אויפטאָן דעם „תמליכוני״ — צוויי תנועות, ובלשון תפלת ראש השנה[68]: אם כבנים אם כעבדים. וואָס דער פירוש הפנימי אין דעם איז[69], אַז בר״ה מאָנען זיך און זיינען דאָ בפועל ביידע אופני עבודה — סיי אַלס בנים און סיי אַלס עבדים (ווי מען זאָגט: אבינו מלכנו). וואָס דער חילוק ביניהם איז[70]: בן איז פאַרבונדן מיט עצמות אביו, און דער אב איז זיך משתעשע ומתענג בבנו (ווי דער מגיד איז מאריך בראש ספריו[71]), עבד איז מקיים רצון האדון (המלך).

און דאָס איז די שייכות פון די צוויי ענינים הנ״ל אין דער קריאה פון פרשת אתם נצבים — „נצבים״ ובלתי שינוי, און „וילך״ שינוי — צו דער עבודה פון ראש השנה,

ווייל דורך דער עבודה פון אידן אין די צוויי תנועות פון „אם כבנים אם כעבדים״ טוען אויף אידן די (המשכת ה)מלוכה פון דעם אויבערשטן („תמליכוני עליכם״) — אין ביידע ענינים פון עונג און רצון, כנ״ל.

יב. דער שרש פון די ביידע תנועות הנ״ל — איז איין נקודה (וואָס דערפאַר זיינען נצבים וילך בעצם איין סדרה, כנ״ל): דער ביטול עצמי פון אַ אידן מצד עצם נפשו, וואָס איז העכער סיי פון רצון און סיי פון תענוג; וואָס מצד דעם איז אַ איד בוחר, כביכול, אין דעם אויבערשטן, ווייל זיי זיינען עצם אחד [נאָר בפועל קומט דאָס אַרויס, און דריקט זיך אויס אין צוויי תנועות פון בנים ועבדים].

און דאָס פועל׳ט די בחירה שלמעלה אין אידן, „יבחר לנו את נחלתנו״[72], פון עצמות ומהות[73], וואו אידן זיינען איין זאַך, כביכול, מיטן אויבערשטן[74], און דאָס קומט אין די צוויי תנועות אין וועלכע עס ווערט נמשך „תמליכוני עליכם״, תענוג און רצון.

און בשעת מען לייענט פרשת אתם נצבים בשבת שלפני ר״ה, ווערט שוין

---

64) ר״ה טז, סע״א. שם לד, ב.

65) ראה גם לקו״ת נצבים מט, ד. סדור ד״ה להבין ענין תק״ש ע״פ כוונות הבעש״ט.

66) ראה גם ד״ה יו״ט של ר״ה תרס״ה. תש״ג. ועוד.

67) ראה לקו״ת ר״ה נו, ג ואילך. ועוד.

68) פיוט היום הרת עולם. ולהעיר מב״ב י, א.

69) ראה ד״ה אחרי ה״א תלכו תרצ״ז (סה״מ קונטרסים ח״ב בהוספות). וראה ד״ה זה היום תשי״ז.

70) ולהעיר מדרך מצותיך קח, ב.

71) לקו״א ואו״ת.

72) תהלים מז, ה — המזמור שאומרים לפני תק״ש.

73) דמכיון דהרצון והעונג שבמלכות, שהוא הפנימיות שבמלכות, עולה ומסתלק למעלה, הרי מובן שצריכים „להגיע״ ולהמשיך מעצמות א״ס שלמעלה גם מתענוג ורצון. ועד״ז בנפש, שצ״ל עבודה שמצד עצם הנפש שלמעלה מתענוג ורצון (ראה בכ״ז — בהמקומות שנסמנו בהערות 65־67). וראה בהנסמן בהערה הבאה.

74) ראה לקו״ש ח״ד ע׳ 1147 ואילך. ח״ט ע׳ 212. ועוד.

תיכף, גלייך דעמאָלט אויפגעטאָן דער „אתם נצבים קיימים ועומדים והיינו שזוכין בדין"[75] — „ברכתו של הקב"ה בשבת מברכים חודש השביעי שהוא המושבע והמשביע[76] ברוב טוב לכל ישראל על כל השנה"[77],

און עס ווערט נמשך אין אַ כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה לכל אחד ואחת מישראל בטוב הנראה והנגלה למטה מעשרה טפחים, כפשוטו ממש.

(משיחות ש"פ נצו"י תשמ"ב, ו' תשרי, י"ג תשרי תשד"מ)
לקו"ש חכ"ט

75) ע"פ תורת הבעש"ט הנ"ל יומתק מה שהובא בטור (או"ח סו"ס תקפא) דישראל „לובשים לבנים ומתעטפים לבנים כו' ואוכלין ושותין ושמחים בר"ה לפי שיודעין שהקב"ה יעשה להם נס", שזה שיודעין ובטוחים בר"ה (ועוד לפני ר"ה — ראה טור שם) הוא מצד הברכה כו' שזוכים בדין דשבת נצבים.

76) ראה ויק"ר פכ"ט, ח. קיצורים והערות לתניא ע' נח.

77) סיום תורת הבעש"ט שם.

# ב.

מ׳זעט (בשנת נסים) ווי עס ווערן מקויים די סימנים אויף דעם אין חז״ל, כולל – דעם סימן וואָס שטייט אין ילקוט שמעוני[1] (וועלכע מ׳האָט דערמאָנט לאחרונה כמה פעמים): „שנה שמלך המשיח נגלה בו כל מלכי האומות מתגרין זה בזה כו׳, מלך פרס מתגרה במלך ערבי והולך מלך ערבי לארם[2] ליטול עצה מהם כו׳, וכל האומות מתרעשים ומתבהלים כו׳, ואומר להם (הקב״ה לישראל) בני אל תתיראו כל מה שעשיתי לא עשיתי אלא בשבילכם כו׳, אל תיראו הגיע זמן גאולתכם כו׳, [און דערנאָך איז ער ממשיך אין ילקוט:] בשעה שמלך המשיח בא עומד על גג בית המקדש והוא משמיע להם לישראל ואומר ענוים הגיע זמן גאולתכם״.

(משיחת יום ד׳ פ׳ נצבים־וילך, כ״ב אלול תש״נ)

---

1) ישעי׳ רמז תצט. וכ״ה בפסיקתא רבתי פל״ז (פיסקא קומי אורי).

2) ובפסיקתא שם: לאדום.

•

רואים (בשנת נסים) איך שמתקיימים הסימנים שהובאו בחז״ל על זה, כולל – הסימן שמובא בילקוט שמעוני[1] (שהוזכר לאחרונה כמה פעמים): ״שנה שמלך המשיח נגלה בו כל מלכי האומות מתגרין זה בזה כו׳, מלך פרס מתגרה במלך ערבי והולך מלך ערבי לארם[2] ליטול עצה מהם כו׳, וכל האומות מתרעשים ומתבהלים כו׳, ואומר להם (הקב״ה לישראל) בני אל תתיראו כל מה שעשיתי לא עשיתי אלא בשבילכם כו׳, אל תיראו הגיע זמן גאולתכם כו׳ (ואח״כ ממשיך בילקוט:) בשעה שמלך המשיח בא עומד על גג בית המקדש והוא משמיע להם לישראל ואומר ענוים הגיע זמן גאולתכם״.

לזכות

הרה"ת ר' שלום בן פריידא שיחי'

לרפואה שלימה וקרובה
לאויוש"ט ובריאות
ובכל המצטרך